בעטער־קלאַס און, בעיקר, די אינטעליגענץ. דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד האָט אָבער געבראַכט אַ סך אַנטוישונגען פאַר דעם קליינבירגערטום און פאַר די ברייטע קרייזן פון דער אינטעליגענץ און האָט אויך געלערנט די אַרבעטער, אַז ביי זייער אייניקייט פון טאַט קאָנען זיי פירן נאָך זיך דאָס קליינבירגערטום און די אינטעליגענץ. שיצן די קולטור־דעראָבערונגען און די ז'עמאָקראַטישע פרייהייטן קעגן אָנגרייף פון פאַשיזם קאָן ווערן אַן אויסגאַנג־פונקט פאַר שטירצן דעם פאַשיזם און פונאַנדערצובינדן דעם אָנגרייף אין ראַדיקאַלסטן זין פון וואָרט.

די יידישע אינטעליגענץ (אין איר מערהייט) איז מער ווי אַלע מסוגל אויפצונעמען אָט־דעם אמת, אַז איר גורל איז פאַרבונדן מיטן אויסגאַנג פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. די רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן, ווי אַ קאַמף קעגן דער יידישער אינטעלעקטועלער וועלט און פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ: דאָס אָפּשטעלן יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, זשורנאַליסטן אין זייער טעטיקייט — איז געווען די ערשטע זאַך, וואָס דער היטלעריזם האָט געטון, בעת זיין קומען צו דער מאַכט. דערפאַרונג דייטשלאַנד האָט אויך געגעבן אַ טויטקלאַפּ די אַסימילאַציע און געשאַפן פּסיכאָלאָגישע פּאָרבאַדינגונגען פאַר אַ דערנענטערונג צווישן דער אינטעליגענץ און דער יידישער מאַסן־קולטור, וואָס זיינע טרעגער זענען די יידישע האָרעפּאַשניקעס. דאָס איז דער סוד, פאַרוואָס ס'איז געוואָרן מעגלעך, אַז אַדאַמיטש (לינקער), דוד איינהאָרן (בונדיסט), מ. יאַרבלום (רעכטער פּ. צ.) און א. טשעריקאָווער (אומפּאַרטייאישער דעמאָקראַט) זאָלן קאָנען זיצן ביי איין טיש, כדי צו פאַרטיידיקן זיך אַלס „יידן, קולטור־מענטשן און קעמפער פאַר אַ בעסערער צוקונפט" (פון דער פּלאַטפאָרם פון קולטורפראָנט).

די דערפאַרונג פון דייטשן פאַשיזם האָט געמאַכט בולט און קלאָר דעם געדאַנק, אַז פאַרטיידיקן זיך אַלס יידן און קולטור־מענטשן קאָן מען נאָר, ווען מ'קעמפט פאַר אַ בעסערער צוקונפט און פאַר די פּראָגרעסיווע אידעאַלן פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט. אויסנוצן די ראַדיקאַלע שטימונגען צווישן דער אינטעליגענץ אין קאַמף קעגן פאַשיזם אויף דער יידישער און אַלגעמיינער גאַס — דאָס איז דער ציל און דער זכות־הקיום פאַרן קולטור־פראָנט.

די טענה, אַז דער יידישער כוח איז אַ שוואַכער שמעקט מיט אַזויפיל שימל און אָפּגעשטאַנענקייט, אַז ס'לוינט זיך נישט צו פאַרהאַלטן אויף דעם. זאָל זיך דער בונדיסט א. פונק דערמאָנען, ווי מ'האָט פאַר־דער־מלחמה געמוסרט דעם „בונד", הלמאי ער מישט זיך אין די רוסישע ענינים און זאָל ער זאָגן, צי ער מאַכט נישט קיין פּלאַגיאַט, בעת ער פאַרדאַמט צוליב דער „איינפלוסן־שוואַכקייט" דעם קולטור־פראָנט אויף דער יידישער גאַס אין פראַנקרייך.

די טענה, אַז יידן באַדראָט גאָר קיין פאַשיזם נישט פון אינעווייניק — איז ווערט אַ רענדל אַ וואָרט. אונזערע קהלות, וואָס זענען באַהערשט פון דער אגודה, די רעוויזיאָניסטישע ברוינע העמדלעך, דער קעמפנדיקער העברעיזם און דער דרוק פון דרויסן איז אַביסל צו־אָנשוילעך, מ'זאָל קאָנען פרעטענדירן, אַז מען שטייט גאָר אויסער געפאַר...

אין קאַמף קעגן דער גרויזאַמער געפאַר פון פאַשיזם, וואָס באַדראָט אַלע אונזערע קולטור־דערגרייכונגען, איז נויטיק צו פאַראייניטלעכן אַלע כוחות, כדי געמיינזאַם אָפּשלאָגן די אַטאַקעס אויף אונזערע קולטור־פּאָזיציעס.

ווייל מען נישט בלייבן זיצן אויף אַלטע און פאַרעלטערטע קאָנצעפּציעס, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט און אויף די פאָדערונגען פון אונזער צייט, מוז מען געמיינזאַם און געאייניקט שיצן אונזערע קולטור־דערגרייכונגען פון די סכנות, וואָס לויערן אויף זיי פון אַלע זייטן.

*ל. סימכאָוויטש*

*רחל אויערבאַך | וואַרשע*

# י. פּערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר"

I



י. פּערלעס

עס איז אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז די בעסטע פּראָזע־ווערק פון אונזער צייט טראָגן אַזוי אָדער אַנדערש אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. אין דער „ראָמאַנטישער" תקופה פון ראָמאַן האָט מען געזוכט אין אים וואָס מער פרעמדס, פאַנטאַסטישס, אויסטערלישס — אָט דאָס וואָס עקזיסטירט אין אַ דעגענערירטער פאָרם אין היינטיקן קרימינאַל־ און סענסאַציע־ראָמאַן. פאַבול, אינטריגע, אַ רויבער און צויבער־געשיכטע פאַר דערוואַקסענע! איצט אָבער, ווען מען זוכט אין ראָמאַן אַ רעאַל בילד פון לעבן, ווען מען זוכט דעם כלל און נישט דעם אויסנאַמספאַל, — איז ווו קאָן אַ שרייבער געבן נאָך אַזויפיל אמת און ממשות, ווי בשעת ער שילדערט זיינע אייגענע איבערלעבונגען?

אייגענע איבערלעבונגען פון פאַרגאַנגענע יאָרן, אויספערמענטירט און געלייטערט אין ווינקעלטער פון צייט און בענקשאַפט.

און דערינען איז אויך פאַראַן די טיפערע ראָמאַנטיק, די סאַמע אייגנטלעכע פאַנטאַסטיק. ס'איז ווי אַמאָל מיט די צווייִ מינים רעליגיאָזיטעט. ס'איז געווען אַ גלויבן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין מופתים, אין אויסערגעוויינלעכקייטן, און אַן אַנדערער אַ טיפערער גלויבן, וואָס האָט נישט געדאַרפט צו זיין באַשטעטיקונג קיין גרעסערע מופתים ווי די עקזיסטענץ גופא איז; ויף טריט און שריט; וואָס האָט משיג געווען דעם וווּנדער שבווּנדער דערפון ווי אַזוי די קליינע גראָזן וואַקסן. און אָט דעם צווייטן מין גלויבן האָבן געירשנט די שרייבער, וואָס „קאַפּירן" דאָס סאַמע טאָג־טעגלעכע, דאָס סאַמע גראָע לעבן; וואָס פאַרמאָגן „יענע מעטאַפיזישע צערטלעכקייט לגבי די סודות פון די פּשוטסטע לעבנס־פאַקטן", ווי מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ האָט כאַראַקטעריזירט איינעם אַן עלטערן סקאַנדינאַווישן שרייבער.

צי דאַרף מען היינט איבעריקנס שרייבן אַן אַפּאָלאָגיע פון רעאַליזם? נישט אַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן זענען אָבער גלייך זעלבסטפאַרשטענדלעך און דאָס, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט, האָט אומבאַדינגט צו פּערלעס אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן אַ ספּעציעלן שייכות.

עס האָט אויך אַ שייכות צו פּערלעס פּערזענלעכקייט. עס איז אפשר זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, וואָס האָט זיך אויפן ראַנד פון זיין שאַפונג פאַרנומען אויך מיט דעם נאָר וואָס

